-- „דיא ניסס איז הארט
נאר, מיין מאַן, וואַרט
זיא קנאקט דאך אינטער דיא ציין!
דער זיעג וועט זיין זיעס
גרייט אן דיא שפיז
דער בראטען וועט קיממען אלליין"!

ג

אָ גאטט האב רחמנות
זייא זיכען אַ נקמה,
האלט יודען תענית
פאר דער נשמה!

עס שווינדלען דיא אויגען
עס ווערט הייס אין קאלט
זיא הענגט אויף אַ האָר
אט, אט, אט, זיא פאלט,

עס פאלט אראב פין היממעל
אַ לעכטיגער שטערען
אינ'ם שאול תחתיה
וועט אַ שמחה ווערען!

ד

טרא, רא, רא, טראַח!
וואס איז געשעהען?
ציי האט נישט עמיץ
מש ח'ן געזעהען?

ווען בלאזט מען שופר
דאך אלול נישט תמוז
ציי איז משוגע
געווארען דער שמש?

ציי בלאזט זיך אַ לאָבוז
אין פאליש גאר גליאַט?
איז דאס אַ טראמפייט
אין עס גייט איין אָטריאַד?

וואס פייפט אין שווישטשעט
אין דיננערט אין קנאלט
ציי פלאטצען סאסנעס
אין דעמבעס אין וואלד?

עס שווישטשעט, עס בלאזט
עס דיננערט אין קנאקט —
איין עקסטרא פאסט
קימט אן פין טראקט!

ווער האט אזא טראָמבקע
אזא הויכע געהערט?
ווער האט נאך געזעהען אזוי
פליהען פיער פערד?

עס שפיעלט דיא טראמבקע
אללע מאהל פרייער
עס שפריצען דיא פאדקאוועס
פינקען אין פייער!

עס קנאלט וויא אַ דיננער
אללע מאהל דיא בייטש
עס שטייט דער עולם
אין פרעגט: וואס טייטש?

ציי זעהן דאס ווינדער
זעננען ארויס
קראנקע פין בעטען
לומדים פין קלויז

קינדער פין חדר
דארט לויפט אין מיט
איינער אן הויזען
פין אינטער דער ריט

אין דא לויפט אַ שוחט
בלייך וויא דיא וואנד
מיט אַ האלב געקוילערטע
היען אין דער האנד.

ער האט אין מיט׳ן
דאס פייפען דערהערט
אין האט דעם חלב
געווארפען אויף ד׳רערד!

דארט לויפט אַ טויבע
אין ברעכט זיך דיא הענד:
„שרייט יודען העכער
זאגט מיר וויא ברענד?

מיט איין אפען מויל
לויפט דער רב אלליין
אויס געגלאצט דיא אויגען
אין קלאפט מיט דיא ציין

גלייך פין בית הכסא
(מיט רעשפעקט געמעלדט)
אין דיא עקסטרא-פאסט
האט זיך אב געשטעלט...

ה.

מיט דער פאסט איז געקימממען
פון דאנציג אַ הערר
אַ דייטש אַ סוחר
א מיליאנער

ער איז געקיממען
אויף קויפען תבאה
אין אלץ וואס ער זעהט נאר
דאס איז אַ מציאה!

אלץ שיקט ער קיין דאנציג
אהן א שעור, אהן אַ-ן-עק
וואס ער זעהט מיט דיא אויגען
דאס שיקט ער אַ וועק

אין אלץ ווערד מיט גאלדענע
רענדליך געוואהגען —
ס׳ווערט פרייליך אין הארץ
אין לעכטיג אין ד׳אויגען!

גאטט האט דאס שטאָדטיל
גאר ראפטים בעגליקט
ער האט זייא פין הימעל
אַ מחיה געשיקט.

עס הייבען אן האנדלען
שוחטים, דיינים
מלמדים אין קלויזניקים
שמשים, בטלנים.

יעדער קריעגט פארשוס
אבי קויף אין שטעלל
אין דיא ווערסט בעצאהלט
באלד אויף דער שטעלל!

ס׳איז לעבעדיג, פרייליך
דאס שטעדטיל אין גאנצען
אללע הערצער גרינג
אללע אויגען גלאנצען.

ווער עס האט נעכטען
געביססען דיא פינגער
ווער ס׳איז נעכטען
געשטארבען פאר הינגער

דער איז היינט א-ן-עשר
וואלט צדקה געגען
וואלט נאר אין שטאָדטיל
אַ אביון געוועזן!

אין חתונות מאכט מען
טאג טאָגליך כסדר,
בעווארפען דיא שניידערס
מיט חתונה קליידער

עס זעננען אן הענד
כלי זמרים געבליבען
אין דיא חופה שטאנגען
האט מען אויס געריבען